**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שטעלט ארויס 5.8 מיליאן דאלאר דורך ניו יארק סטעיט-געוואקסן און סערטיפייד פראגראם צו שטיצן ניו יארקע אגריקולטורישע פראדוצירער

***New York Farm Viability Institute* באשטימט געווארן אלס ראיאנישער פינאנצירונג פראגראם אנפירער צו בענעפיטירן ניו יארקע פארמס און עסנווארג פראצעסירער**

***צווייטע רונדע פון NYS G&C פראגראם איז פינאנצירט דורך דרייצנטע רונדע פון די "ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל" איניציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעשטעלט 5.8 מיליאן דאלאר דורך דעם "ניו יארק סטעיט-געוואקסן און סערטיפייד אינפראסטרוקטור, טעכנאלאגיע, פארשונג און אנטוויקלונג" (New York State Grown and Certified Infrastructure, Technology, Research and Development Program, NYS G&C ITRD) פראגראם צו שטיצן ניו יארקע אגריקולטורישע פראדוצירער. די New York Farm Viability Institute איז אויסדערוועהלט געווארן צו זיין די ראיאנישע פינאנצירונג פראגראם אנפירער אלס טייל פון די צווייטע רונדע פון דעם NYS G&C פראגראם — פינאנצירט דורך די דרייצנטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council, REDC) איניציאטיוו. דער פראגראם וועט שטיצן ניו יארקע פארמס און עסנווארג פראצעסירער דורכן פינאנצירן פראיעקטן אריבער די סטעיט צו פארשטערקערן אינפראסטרוקטור און טעכנאלאגיע מעגליכקייטן אויף פארמס, און אזוי אויך צו שטיצן עקזיסטירנדע און נייע NYS G&C פראגראם אנטיילנעמער.

"ניו יארק'ס פארמער זענען די רוקנביין פון אונזער סטעיט, און מיין אדמיניסטראציע איז פארפליכטעט צו שטיצן די צוקונפט פון אונזער אגריקולטורישע אינדוסטריע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך דעם פראגראם, טוהען מיר אינוועסטירן אין ניו יארקע פארם פראדוקציע און עסנווארג פראצעסירונג דא אין אונזער סטעיט צו זיכער מאכן אז די אינדוסטריע זעצט פאר צו בליהען פאר פילע קומענדיגע דורות."

אלס פראגראם אנפירער וועט די NYFVI ארויסלייגן אן איינלאדענונג פאר פארשלאגן (Request for Proposals, RFP) פאר דעם 5.8 מיליאן דאלארדיגן גרענט פראגראם. 5 מיליאן דאלאר וועט צוגעטיילט ווערן פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן וואס זענען אויסגעשטעלט צו פארבעסערן קריטישע פארם אינפראסטרוקטור אדער צו העלפן פארמס איינפירן פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס און פארגעשריטענע עקוויפמענט, מיט די איבעריגע $800,000 צוגעטיילט צו שטיצן פארשונג און אנטוויקלונג פראיעקטן פאר די אנטוויקלונג פון נייע פראדוקטן צו ווערן פארקויפט אונטער דעם NYS G&C פראגראם.

פינאנצירונג וועט צוטיילט ווערן צווישן די REDC ראיאנען ווי פאלגנד:

- פינגער לעיקס און צענטראל ניו יארק – 1 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן; 200,000$ פאר פארשונג און אנטוויקלונג פראיעקטן
- לאנג איילענד, ניו יארק סיטי און מיד-האדסאן – 1.5 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן; 200,000$ פאר פארשונג און אנטוויקלונג פראיעקטן
- מאוהאק וואלי, הויפטשטאט ראיאן און נארט קאנטרי – 1.5 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן; 200,000$ פאר פארשונג און אנטוויקלונג פראיעקטן
- סאוטערן טיער און מערב ניו יארק – 1 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן; 200,000$ פאר פארשונג און אנטוויקלונג פראיעקטן

NYFVI איינגעשטעלטע ארבעטן מיט די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets) צו אנטוויקלען אן אפליקאציע פראצעדור פאר פארמס און עסנווארג ביזנעסער.

כדי צו זיין בארעכטיגט פאר פינאנצירונג, מוזן אלע פראיעקטן איינפירן נייע און ערפינדערישע פראקטיקן אדער שיטות וואס זענען אויסגעשטעלט צו נאכקומען די אינדוסטריע באדערפענישן און די פארלאנג פון קאסטומערס. זיי מוזן אויך האבן א דירעקטע צייטליכע בענעפיט צו שטיצן ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע און טראגן א באדייט פאר דעם ראיאן וואס זיי באדינען דורכן זיך קאנצענטרירן אויף איין אדער מער פון די פאלגנדע געביטן וואס האבן הויכע פריאריטעט:

- אויטאמאציע פון פראדוקציע און ווירקזאמע באנוץ מיט ארבייטער
- פארגרעסערונג פון דיסטריביושען קאפאציטעט
- פראצעסירונג און פאקן
- עסנווארג זיכערהייט
- ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט דירעקט פארבינדן צו באטייליגונג אין NYS G&C
- אנטוויקלונג פון נייע פראדוקטן וואס ציהלן אויף די פארלאנג פון קאסטומערס

נאך אינפארמאציע איבער דעם פראגראם – אריינרעכנענדיג וויאזוי צו אפּלייען פאר פינאנצירונג – וועלן פארעפנטליכט ווערן אין די קומענדיגע חודשים.

NYFVI וועט זיין פאראנטווארטליך פאר די טאג-טעגליכע אנפירונג פון דעם פראגראם, אריינרעכענענדיג דורכן אפהאלטן אויפקלערנדע און אדווערטייזנדע אקטיוויטעטן צו זיכער מאכן אז די אינדוסטריע באטייליגט זיך; אננעמען און איבערקוקן פארשלאגן; שענקן גרענטס; שליסן און אויספירן קאנטראקטן, אריינרעכענענדיג אויפזיכט אויף קאנטראקטן און באריכטונג צו די דעפּארטמענט; און זיכער מאכן אז אלע קערפערשאפטן וואס ווערן געשאנקען פינאנצירונג שרייבן זיך איין אין NYS G&C.

**דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס פארן אנערקענען די וויכטיגקייט פון די אגריקולטור אינדוסטריע און פון ארבעטן בשותפות אויף דעם אינפראסטרוקטור, טעכנאלאגיע, פארשונג און אנטוויקלונג גרענט פראגראם. דאס וועט העלפן פארמער און פראדוצירער צו מאכן קריטישע טעכנאלאגישע און אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען ביי זייערע איינריכטונגען צו ווייטער מאכן זייערע ביזנעסער וואקסן צו באדינען קאסטומערס און פיטערן ניו יארקע פאמיליעס."

**New York Farm Viability Institute עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דעיוויד גרויסענמייער, האט געזאגט,** "די NYFVI איז דאנקבאר פאר די צוטרוי וואס איז געגעבן געווארן פאר אונזער ארגאניזאציע צו ווירקזאמערהייט אנפירן דעם גרענט פראגראם. עס איז באגייסטערנד צו זעהן די סטעיט'ס

סטראטעגישע קאנצענטראציע און שטיצע צו אננעמען די פארגעשריטענע טעכנאלאגיע און שיטות אויף די פארם און אריבער די עסנווארג סיסטעם. די אינוועסטירונגען וועלן העלפן נאכקומען די פארלאנג פון קאסטומערס פאר לאקאלע פראדוקטן און ענווייראמענט-פריינטליכע שיטות, און זיי וועלן פארשטערקערן ניו יארקע פארמס און עסנווארג סיסטעם קערפערשאפטן אזוי ווי זיי אנטוויקלען זייער ביזנעס. מיר באדאנקען גאווערנער האקול און די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס פאר די געלעגנהייט."

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט,** "אינפראסטרוקטור מאדערניזירונגען, נייע טעכנאלאגיעס און אינפראסטרוקטורישע פארבעסערונגען זענען גרויסארטיגע אינוועסטירונגען וואס זענען אפטמאל צו שווער צו דורכפירן פאר פילע קליינע ניו יארקע פארמער, אבער זיי זענען וועזנטליך צו העלפן פארמער אויסברייטערן זייערע ביזנעסער, פארבעסערן ראיאנישע צוטריט צו עסנווארג און איינפירן קלימאט-פארגעשריטענע סיסטעמען. דער אינפראסטרוקטור, טעכנאלאגיע, פארשונג און אנטוויקלונג גרענט פראגראם איז איינס פון די וועגן דורך וועלכע מיר העלפן פארמער פינאנצירן זייערע אינפראסטרוקטורישע געברויכן און פארשונג פאר די צוקונפט. איך טוה גראטולירן די New York Farm Viability Institute אויף דאס ווערן אויסדערוועהלט אלס פראגראם אנפירער, און איך מוטיג באַרעכטיגטע פארמס צו אפּלייען איינמאל אפליקאציעס ווערן געעפנט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "ניו יארק'ס 'געוואקסן און סערטיפייד' פראגראם שטעלט ארויס איבער 3,000 ניו יארקע פראדוצירער וועלכע קומען נאך די פארלאנג פאר געזונטע, לאקאל-געוואקסענע עסנווארג. מיט זייער אויפגעוויזענע רעפּוטאציע, וועט די NY Farm Viability Institute יעצט אנפירן א קריטיש וויכטיגע אנטוויקלונג קאסע, ברענגענדיג מיטלען פאר 'געוואקסן און סערטיפייד' ביזנעסער אריבער 4 ראיאנען. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, די אגריקולטור און מארקעטס דעפארטמענט, די ראיאנישע קאונסילס און אלע אונזערע שותפים וועלכע האבן געגלויבט אין שטיצן און פארגרעסערן ניו יארקע אגריקולטור. איך ווייס אז מיט NYFVI'ס הילף קענען מיר פאראויס שטופן דעם ערפאלגרייכן פראגראם נאך אפילו ווייטער."

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ראיאנישע קאונסילס האבן איבערגעקוקט פארשלאגן צו אנפירן דעם פראגראם, און זיי האבן געגעבן א צייכן פאר יעדן פראיעקט וואס שפיגלט אפ ווי גוט עס איז אין איינשטימונג מיט דעם ראיאן'ס ציהלן און סטראטעגיעס. אפליקאנטן האבן גענוצט ניו יארק'ס קאַנסאָלידעיטעד פאַנדינג אפליקאציע (Consolidated Funding Application, CFA), די סטעיט'ס אפליקאציע פאר מערערע סטעיט הילפס-מיטלען אויף איין פלאץ, וואס רעכנט אריין פראגראמען פון מערערע אגענטורן. עס איז אויסגעשטעלט צו צושטעלן שנעלערע און גלאטערע צוטריט צו א ברייטע רייע פון גרענט קאסעס און טעקס קרעדיטס פון צענדליגע עקזיסטירנדע פראגראמען. א פולע ליסטע פון פראיעקטן צו באקומען גרענטס אין די דרייצנטע רונדע קען געזעהן ווערן [דא](#).

פינאנצירונג פאר דעם NYS G&C ITRD פראגראם איז אריינגעלייגט געווארן צום ערשטן מאל אין 2022 דורך די 12'טע רונדע פון די REDC איניציאטיוו, און עס איז געאפפערט געווארן צום צווייטן מאל אין די 13'טע רונדע. די וואס פלאנירן מעגליך צו אפּלייען פאר א גרענט קענען איבערקוקן די איינצלהייטן פון דעם פראגראם און זיך איינשרייבן צו איינגעמאלדן ווערן דורך די New York Farm Viability Institute (NYFVI) ווען אפליקאציעס ווערן אנגענומען דורכן [זיך אויפשרייבן אויף די לינק אויף די NYFVI וועבזייטל](#).

די REDC פראצעדור זעצט פאר צו שטיצן און פארשטערקערן ראיאנישע פאראינטערעסירטע פארטייען אינעם אנטוויקלען סטראטעגישע פלענער און פינאנצירונג פריאריטעטן וועלכע קומען נאך די לאקאלע עקאנאמישע באדערפענישן. ראיאנישע קאונסילס האבן איבערגעקוקט פראיעקטן פון דעם פראגראם, און זיי האבן געגעבן א צייכן פאר יעדן פראיעקט וואס שפיגלט אפ ווי גוט עס איז אין איינשטימונג מיט דעם

ראיאן'ס ציהלן און סטראטעגיעס. זינט די ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט געווארן אין 2011, איז שוין מער פון 420 מיליאן דאלאר פארטיילט געווארן פאר 602 אגריקולטורישע פראיעקטן.

**איבער NYS-געוואקסן און סערטיפייד**
די דער NYS-געוואקסן און סערטיפייד פראגראם איז אויפגעשטעלט געווארן צו העלפן נאכקומען די וואקסנדע פארלאנג פון קאסטומערס פאר לאקאלע עסנווארג וואס ווערט געוואקסן אדער פראדוצירט אויף א העכערע סטאנדארט. דער פראגראם באשטעטיגט ניו יארק סטעיט פראדוצירער וועלכע פאלגן נאך הויכע עסנווארג זיכערהייט און ענווייראנמענטאלע אפטרופוס׳שאפט סטאנדארטן. עס איז געשטיצט דורך א רעקלאמירונג קאמפיין אריינגערעכנט אויפ'ן פראדוקט לעיבעלס, ארויסהייבונגג און פארקויפונג מאטריאלן. עס זענען יעצט דא מער פון 3,000 פראדוצירער וואס באטייליגן זיך אין 'ניו יארק סטעיט-געוואקסן און סערטיפייד', פארטרעטנדיג מער פון 750,000 אקער פון פארם שטחים. פאר מער אינפארמאציע איבער NYS-געוואקסן און סערטיפייד, [באזוכט איר וועבזייטל](#) און/אדער פאַלאָווט דעם פראגראם אויף [Facebook](#), [Twitter](#) און [Instagram](#).

**איבער די קאָנסאַלידעיטעד פאָנדינג אפליקאציע**
דער קאָנסאַלידעיטעד פאָנדינג (Consolidated Funding Application, CFA) אפליקאציע איז געעפנט געווארן צו מאכן דעם פראצעדור פונעם אפּליייען פאר א גרענט גלאטער און שנעלער. דער CFA פראצעס צייכנט אפ א פונדאמענטאלע ענדערונג אין דעם אופן וואס סטעיט רעסאָרסן ווערן אלאקירט, פארזיכערנדיג ווייניגער ביוראקראטיע און מער ווירקזאמקייט צו ערפילן ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג געברויכן. די CFA סערווירט אלס דער איינציג איינטריט פונקט פאר צוטריט צו עקאנאמישע אנטוויקלונג פאָנדינג, צו פארזיכערן אז אפליקאנטן דארפן מער נישט שטייטלעך נאוויגירן מערערע אגענטורן און קוועלער אן קיין מעכאניזם פאר קאארדינאציע. יעצט טוהען עקאנאמישע אנטוויקלונג פראיעקטן ניצן דער CFA אלס א שטיצע מעכאניזם צו האבן צוטריט צו מערערע סטעיט פינאנצירונג קוועלער דורך איין אפליקאציע, מאכנדיג דעם פראצעס שנעלער, גרינגער, און מער פראדוקטיוו. לערנט מער איבער די CFA [דא](#).

**איבער די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס**
די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו איז א הויפט באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס צוגאנג צו סטעיט אינוועסטירונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג. אין 2011, זענען 10 ראיאנישע קאונסילס זענען אוועקגעשטעלט צו אנטוויקלען לאנג-טערמיניגע סטראטעגישע פלענער פאר עקאנאמישע וואוקס פאר זייער ראיאנען. די קאונסילס זענען שותפות'ן צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וואס באשטייען פון לאקאלע עקספערטן און פארמישטע קערפערשאפטן פון ביזנעס, אקאדעמיע, לאקאלע רעגירונג און וואוילטעטיגע ארגאניזאציעס. די ראיאנישע קאונסילס האבן אויפדאסניי אויסגעטייטשט די וועג וואס ניו יארק אינוועסטירט אין דזשאבס און עקאנאמישע וואוקס דורך שטעלן אין פלאץ א קאמיוניטי-באזירטע, פון-אונטן-ארויף צוגאנג און אוועקשטעלן א פארמעסטערישע פראצעס פאר סטעיט רעסאָרסעס. לערנט מער אויף [regionalcouncils.ny.gov](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](#)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](#) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)